
קב הישר
השלם
אידיש
תורה
עבודה
גמ"ח
תשובה
תפלה
צדקה
מידות
חינוך
שידוכים
שלום בית
צניעות
פרנסה
דאס
אידישע הויז
קב הישר
טלית
קב הישר
השלם
באידיש
הוצאת
שבט
מוסר

בס"ד

**איסור השגת גבול ידוע – והננו אוסרים להדפיס**
**בלי רשותינו, הן במדינה זו והן במדינה אחרת,**
**שום חלק מהספר, שעלה לנו ביגיעה רבה ועצומה,**

הוצאת שבט מוסר

האדרעס להשיג הספר ולשלוח הערות

**מכירה הראשית:**

**SHAIVET MUSER**

956-43 st.
Brooklyn, New York 11219

(718) 437 - 0576

בארץ ישראל בירושלים 02 - 827-142

THE RIGHTS OF THE COPYRIGHT HOLDER WILL BE STRICTLY ENFORCED

כל זכויות ההדפסה של ספר זה, הן כולו והן מקצתו, במדינה זו או
במדינה אחרת, שמו

נדפס בדפוס האחים גרויס
**Printed in the U.S.A. by:**
**GROSS BROS. Printing Co.inc.**
**3125 Summit Avenue,**
**Union city N.J.07087**
**Tel. (201) 865-4606 * (212)594-7757**

בעזהשי"ת

# ספר

# קב הישר

## השלם

## אַ לעבענס-וויכטיג ספר
## פאַרן נפש גוף און נשמה

❖

## חלק ראשון

❖

וואס עס האָט פארפאסט דער הייליגער רב, געלערנטער מאַן, באוואוסט אין אַלע חכמות און סודות התורה, געלענציגער מוכיח און בעל-מופת, געהויבענער צדיק, געטליכער מקובל.

**מוהר"ר צבי הירש קאיידנאוור זצוק"ל**

**פון דער קהילה פראנקפורט דמיין**

**אין אידישער איבערזעצונג**

איבערגעאַרבעט לויט די היינטיגע אידישע שפּראַך


יוצא לאור
שנת תשס"א לפ"ק
פה ברוקלין יצ"ו

בעזהשי"ת

# ספר
# קב הישר
## השלם

ספר נחמד לתועלת הנפש וגוף ונשמה
שחברו הרב המאור הגדול איש אלוקים קדוש ונורא,
חכם חרשים ונבון לחש, מוכיח נפלא ואיש מופת,
צדיק ונעלה, המקובל האלוקי

❖ ❖ ❖

**מוהר"ר צבי הירש קאיידנור זצוק"ל**
**מק"ק פראנקפורט דמיין**

בעזהשי"ת

# ספר

# קב הישר

## השלם

## חלק ראשון

❖

אַ לעבענס-וויכטיג ספר פאַרן וואוילזיין פון נפש און נשמה. און ווער עס וועט לערנען אין אים שטענדיג, וועט זיין האַרץ זיין קלאָר ווי די זון צו עבודת הבורא.

דער ספר אַנהאַלט הונדערט און צוויי קאַפּיטלען.

דער אינהאַלט פון אים ווערט ברייט ארויסגעברענגט אין דער הקדמה.

אַ הערלעכע שפּראַך, ריכטיג אויסגעטייטשט, אויך דורך אַ משל אָדער אַ מליצה.

**ווער ס'וועט ליינען אין אים וועט קומען צו שמחה און העכערע צופרידנקייט.**

**חברו חד זעירא דמן חבריא ה"ה האַלוף התורני**

**מוהר"ר צבי הירש**

**בן הרב הגאון המפורסם בעל מחבר ברכת הזבח וספר ברכת שמואל וספר תפארת שמואל וספר אמונת שמואל**

כבוד הרב המנוח מוהר"ר **אהרן שמואל קאיידנור ז"ל**

וואָס די ליכט פון זיין תורה ליכט האָט געשיינט אין די הייליגע **קהילות פראַנקפורט און קראקא**

**געדרוקט און פראַנקפורט דמיין**

**לסדר השקיפה ממעון קדשך מן השמים וברך את עמך ישראל**

**תס"ה לפ"ק**

[נוסח דף השער של המהדורה שהדפיס רבינו המחבר זי"ע]

בעזהשי"ת

# ספר

# קב הישר

והוא ספר נחמד לתועלת הנפש וגוף ונשמה, וכל ההוגה בו מימים ימימה, לעבוד בוראו לבו יהיה ברה כחמה, ובו ק"ב פרקים ומהות הספר תמצא בהקדמת הספר, אמרי שפר, הן בפשטים טובים ובמשלים ומליצה, כל הרואה אותם ישמח בשמחה ודיצה.

חברו חד זעירא דמן חבריא ה"ה האלוף התורני מוהר"ר **צבי הירש** בן הרב הגאון המפורסם בעל מחבר **ברכת הזבח** וספר **ברכת שמואל** וספר **תפארת שמואל** וספר **אמונת שמואל**, כבוד הרב המנוח מוהר"ר **אהרן שמואל קאיידנור** ז"ל אשר אור תורתו היתה זורחת בקהלה קדושה פראַנקפורט דמיין ובקהלה קדושה קראקא, יכוננה עליון אמן.

נדפס פה ק"ק ורנקבורט דמיין

לסדר **הש**קיפה **מ**מעון **ק**דשך מן השמים וברך את עמך את ישראל

**תס"ה לפ"ק**

[נוסח דף השער של המהדורה שהדפיס רבינו המחבר זצוק"ל]

{**קב הישר החדש מנוקדת, מבוארת, ומתוקנת**}

{החזרנו החסירות מדפוסים הקודמים}

אַ נייע מושלעמדיגע און וואונדערבאַרע אויסגאַבע

ברוקלין נוא-יארק

שנת תשס"א לפ"ק

בעזהשי"ת

ספר

# קב הישר

## השלם

**וואָס עס האָט געשריבן איינער פון די אַמאָליגע גרויסע צדיקים וקדושים וטהורים, אַ מחבר פון עטליכע ספרים,**

## הרב מוהר"ר אהרן שמואל קאיידנור זצ"ל

**פון פראנקפורט דמיין און די שטאט קראקא יע"א**

דער ספר האָט במשך פון הונדערטער יאָרן מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

גרויסע צדיקים וקדושים האבן אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען. (זעה אין פאָרוואָרט)

עס איז אויך באַקאַנט אַז דער ספר האָט זיך זיין אייגנאַרטיגן סטיל, ווי אַזוי מיט חכמה און פאַרשטאַנד אַריינצודרינגען אין דעם האַרטסטן האַרץ איבערצודרייען און אַרויפברענגען אינגאַנצן צום ריכטיגן וועג. די גדולים און צדיקים פון יעדן דור פלעגן פאַרלאַנגען באַזונדער פון בחורים און יונגעלייט צו לערנען בקביעות אין דעם ספר. **אידן פלעגן דאָס טראָגן שטענדיג אין טלית-בייטל.**

שוואַכע און אַפילו פאַרדאָרבענע בחורים און יונגעלייט פלעגן לערנען די ספרים דורך דעם באַפעל פון זייערע מדריכים ומשפיעים, און זיי האָבן געזען וואונדער ווי שטאַרק ווירקזאַם דאָס איז ביי אַלע.

נאָך היינט צו טאָג זענען דאָ לעבעדיגע עדות, פון טאַטעס, מלמדים אויף זייערע קינדער, אַז דאָס ספר "קב הישר" באַווייזט אותות ומופתים, די שווערסטע פּראָבלעמען, האַרטסטע מענטשן, פאַרזינקענסטע באַשעפענישן זענען געוואָרן אויסגעאיידלט, תלמידי חכמים, יראי השם, און אפילו בעלי מדריגה. ממש אומגלויבלעך, **דער שטאַרקסטער עדות זענען די איבער 60 אויסגאַבעס, וועלכע זענען געדרוקט געוואָרן ביז היינט.**

דער ספר האָט זייער אַ רייכן אינהאַלט. עס דרינגט אַריין אין אַלע ענינים פון דער וועלט, וואָס קען מעורר זיין צו יראת שמים מיט אַ זיסן געשמאַקן לשון וואָס ציט די לייענערס.

**כל העוזרים והמסייעים והנדבנים והעסקנים, וכל הנלוים עליהם - ישלם ה' פעלם - הון ועושר בביתם - לחיים טובים ולשלום - וזרעם לברכה עד עולם.**

(חיד"א בספר צוארי שלל)

נעתיק מה שכתב בספר **ישמח משה** על תנ"ך בהקדמה (קונטרס תהלה למשה דף י"א ע"ב), וזל"ק:

מבואר **בזוהר תרומה** דף קכ"ח ע"ב, ההוא זכאה בעי למרדף בתר חייבא וכו' בגין דיתחשב עלי' כאילו הוא ברא לי', ודאי איהו שבחא דיסתלק בי' יקרא דקוב"ה יתיר משבחא אחרא וכו', ועל דא כתיב באהרן ורבים השיב מעון, וכתיב בריתי היתה אתו החיים והשלום. ועיי"ש בדף קכ"ט ע"א כמה הפליגו שם **כמה גדולים זכות הצדיקים שמחזירים רשעים בתשובה**.

וכן שמעתי מאדמו"ח ז"ל, אשר סיפר לו מוזלל"ה, איך שפעם אחת נפגשו בעולם העליון **רש"י ז"ל** עם הרב הקדוש **ר' איציקל מדראהאביטש**, ושאל רש"י ז"ל [מאת] ר' איציקל, **איזה זכות ומצוה יש לו לבנו הרב הקדוש ר' מיכל המגיד מישרים מזלאטשוב מה ששומע שמרעישין בכל העולמות עם בנו הרב הנ"ל**. והשיב לו ר' איציקל הנ"ל, איך שלומד תורה לשמה. ולא נתקררה דעתו של רש"י ז"ל. ואמר לו עוד, שבנו הרבה לסגף את עצמו בתעניתים וסיגופים, וגם בזה לא נתקררה דעתו הקדושה. ואמר לו עוד, אשר הרבה בגמ"ח וצדקה ופיזר נתן לאביונים וכדומה, ועוד לא נתקררה דעתו.

**שוב אמר לו שרבים השיב מעון ועשה הרבה בעלי תשובה בעולם, ובזה נחה ושקטה דעתו של רש"י ז"ל, ונחה דעתו הקדושה מה שמרעישים אתו כל הפמליא של מעלה,** ע"כ.

# מעלות און אינהאלט
# פון די יעצטיגע אויסגאבע

## ערשטע באנד

**א.** דער ספר איז א ליכט-זייל און א וועג ווייזער

**ב.** אַ לוח לויט דעם סדר הפרשיות פון יאָר.

**ג.** אויסצוגן פון גדולי ישראל וועגן ספה"ק קב הישר.

**ד.** הסכמות גדולי זמנינו.

**ה.** אינהאלט פון די פרקים לויטן סדר פון די פרקים פון פרק א' ביז פרק כ"ד.

**ו.** די הקדמה פון הייליגען מחבר זלה"ה אין לשון הקודש.

**ז.** די הקדמה פון הייליגען מחבר זלה"ה אין אידיש.

**ח.** פארווארט פון ארויסגעבער צו די נייע אויסגאבע.

**ט.** א קורצע באַשרייבונג צו דער נייער פארגרעסערטער אויסגאבע פון דעם הייליגן ספר קב הישר אין אידיש.

**י.** פיר און צוואנציג פרקים - פון פרק א' ביז פרק כ"ד אויף די פרשיות פון פרשת בראשית ביז פרשת ויחי.

**יא.** אינהאלט פון נאנט צו 50 אויסגאבעס פון ספר קב הישר וואס איז געדרוקט געווארן אין פארשידענע זמנים און אין פארשידענע שפראכן אין אסאך לענדער.

**יב.** הסכמות הגאונים הצדיקים הקדושים אשר בארץ המה למהדורות הקודמות.

**יג.** הסכמות גאוני דורינו שליט"א.

בס"ד

**דער ספר קב הישר איז געטיילט לויט פרקים, לויטן סדר הפרשיות פון יאָר, כדי צו קענען ענדיגן דעם ספר יעדעס יאָר, דורך לערנען יעדע וואך צוויי פרקים.**

❖❖❖

**ערליכע אידן פלעגן האלטן דעם ספר "קב הישר" אין זייער טלית-בייטל, און אזוי קען מען לייכט משלים זיין באלד נאכן דאווענען יעדן טאג לויט'ן סדר פון יענע פרשה.**

❖❖❖

## לוח לפי סדר הפרשיות של כל השנה

**סדר בראשית**

1. בראשית פרק א-ב
2. נח פרק ג-ד
3. לך-לך פרק ה-ו
4. וירא פרק ז-ח
5. חיי-שרה פרק ט-י
6. תולדות פרק יא-יב
7. ויצא פרק יג-יד
8. וישלח פרק טו-טז
9. וישב פרק יז-יח
10. מקץ פרק יט-כ
11. ויגש פרק כא-כב
12. ויחי פרק כג-כד

**סדר שמות**

13. שמות פרק כה-כו
14. וארא פרק כז-כח
15. בא פרק כט-ל
16. בשלח פרק לא-לב
17. יתרו פרק לג-לד
18. משפטים פרק לה-לו
19. תרומה פרק לז-לח
20. תצוה פרק לט-מ
21. כי-תשא פרק מא-מב
22. ויקהל פרק מג-מד
23. פקודי פרק מה-מו

**סדר ויקרא**

24. ויקרא פרק מז-מח
25. צו פרק מט-נ
26. שמיני פרק נא-נב
27. תזריע פרק נג-נד
28. מצורע פרק נה-נו
29. אחרי פרק נז-נח
30. קדושים פרק נט-ס
31. אמור פרק סא-סב
32. בהר פרק סג-סד
33. בחקותי פרק סה-סו

**סדר במדבר**

34. במדבר פרק סז-סח
35. נשא פרק סט-ע
36. בהעלותך פרק עא-עב
37. שלח פרק עג-עד
38. קרח פרק עה-עו
39. חוקת פרק עז-עח
40. בלק פרק עט-פ
41. פנחס פרק פא-פב
42. מטות פרק פג
43. מסעי פרק פד

**סדר דברים**

44. דברים פרק פה-פו
45. ואתחנן פרק פז-פח
46. עקב פרק פט-צ
47. ראה פרק צא-צב
48. שופטים פרק צג-צד
49. תצא פרק צה-צו
50. תבא פרק צז-צח
51. נצבים פרק צט
52. וילך פרק ק
53. האזינו פרק קא
54. ברכה פרק קב

## דער ספר איז א ליכט-זייל
## און א וועג ווייזער

א) ווי אזוי צו ווערן לייכט אַ תלמיד חכם און אַ מתמיד.
ב) ווי אַזוי צו צוברעכן אַ שלעכטע געוואוינהייט (מדה).
ג) ווי אַזוי צו וואַקסן מיט יראת שמים.
ד) ווי אַזוי צו וואַקסן מיט צניעות און איידלקייט.
ה) צו צוברעכן דעם רייץ צו געלט און עשירות.
ו) הדרכה צו דאַווענען ערליך מיט כוונה.
ז) ווייך מאַכן דאָס האַרץ צו טוהן צדקה וחסד, נישט קאַרגן דאָס געלט.
ח) פירט אַרויף אויף דעם וועג פון תשובה און תיקון המעשים.
ט) ספעציעלע הדרכה פאַר בחורים.
י) מורה דרך פאַר יונגעלייט.
יא) הדרכה פאַר די נשים צדקניות.
יב) וואונדערבאַרער וועג-ווייזער ווי אַזוי מחנך צו זיין די קינדער פון קליינווייז זייער גרינג און פראַקטיש, מיט אַ גאַראַנטיע בעזה"י.
יג) הדרכה פון הנהגת הבית און שלום בית - בעסטע עצות ווי אַזוי דורכצוקומען. בדוק ומנוסה.
יד) הדרכה ווען מ'מאַכט אַ ברית בשעה טובה.
טו) ווי אַזוי מען גרייט זיך צו די בר מצוה.

**טז) אָנווייזונגען צו די חתונה פאַר חתן כלה און עלטערן.**

## דער ספר איז א ליכט-זייל
## און א וועג ווייזער

יז) וועג-ווייזער אין טאָג-טעגליכן לעבן ווי אַזוי זיך אַן עצה צו געבן מיט פּראָבלעמען וואָס קומען אונטער.

יח) הדרכה פאַר צובראָכענע און דעפּרעסטע מענער אָדער פרויען וועלכע זענען צוקלאַפּט צוליב צרות ל״ע, אין זיי אַריינצובלאָזן חיות און חיזוק, זיי זאָלן זיין פריילין און מונטער, פול מיט לעבנס גייסט.

יט) באַלייכט די הערצער פון עלטערן וועלכע עס איז פון הימל באַשערט אַ פּראָבלעם מיט קינדער פיזיש אָדער גייסטיג, זיי זאָלן זיך פילן איבערגליקליך זייענדיג די שלוחים פון הימל מקרב צו זיין די גאולה.

כ) חיזוק און שמחה פאַר די אידישע מאַמע זיך צו פלאָגן מיט פירן אַ גרויסע שטוב פון פילע קינדער בלעה״ר.

כא) חיות און דערקוויקעניש פאַר צוקלאַפּטע בחורים.

כב) אַ דרך ווי אַזוי צו נוצן געלט ביי ביזנעס, נישט צו פאַרלירן דאָס פאַרמעגן אויף איינמאָל (באַנקראָט ח״ו).

כג) אויסצואווארצלען די מדת הקנאה פון אָרים צו רייכע, אָנווייזענדיג אַז די אָרימע זענען די גליקליכע.

כד) הונדערטער סגולות און רפואות און ספּעציעלע תפילות פאַר יעדע זאַך וואָס אַ מענטש דאַרף צום טאָג טעגליכן לעבן.

# אויסצוגן פון גאוני וצדיקי ישראל וועגן דעם הייליגן ספר קב הישר

דער "פרי-מגדים" ז"ע, שרייבט: "קב הישר", א לעבנס-וויכטיק ספר, וואס היילט די נשמה און גוף. אלע זיינע ווערטער זענען דורכגעטראט און מוסר. עס העלפט סיי דעם תלמיד חכם און סיי דעם דורכשניטלעכן איד און פרויען".

דער הייליגער "נועם אלימלך" ז"ע, - ר' אלימלך פון ליזענסק האט שטענדיג געלערנט אין דעם הייליקן ספר "קב הישר". הונדערט און צוויי מאל האט ער געלערנט דעם "קב הישר" - לויט דעם נאמען און קאפיטלען פון ספר (אור אלימלך, אות ק"ה).

דער גרויסער און באוואוסטער חיד"א, - הרב חיים יוסף דוד אזולאי ז"ע, דערמאנט דעם "קב הישר" זייער א סך מאל אין זיינע ספרים און ער האט זיך שטענדיק געפונען אויף זיין טיש. ער זאגט אויף אים:

**א ספר וואס איז מעורר צו יראת שמים**

דער קאזניצער מגיד - ר' ישראל הופשטיין ז"ע, האט באוואונדערט דעם ספר און זיך אויסגעדריקט אויפן "קב הישר": "אז מען לערנט א שטיקל זוהר וואס געפינט זיך אין "קב הישר", איז דאס מער מסוגל מעורר צו זיין דעם מענטשן צו יראת שמים, ווי ווען ער וואלט געווען געלערנט דאס זעלבע שטיקל אין זוהר אליין (מאיר עיני חכמים תנינא, אמור).

דער אסטראווצער גאון און צדיק - "ר' צדוק ז"ע פון זיין דור" איז מסביר די ווערטער פון הייליקן קאזניצער מגיד: "די נשמה פונעם מענטש קומט פון גאר הויך און נידריקער ביז אראפ, דעריבער א נשמה וואס קומט פון א נידעריק ארט, קען נישט פארשטיין ענינים וואס קומען פון א העכערן ארט פון זיין שורש נשמה, דעריבער ווער עס לערנט דעם זוהר אין "קב הישר" פארשטייט עס בעסער ווי ווען ער וואלט עס געווען געלערנט אינעם זוהר אליין, ווייל דער מחבר פון "קב הישר" האט אריינגעגעבן אין זיין ספר דעם כח הקדושה פון זיין שורש נשמה, דעריבער קען מען נתעורר ווערן מער דורך לערנען דעם "קב הישר אײדער דעם זוהר גופא.

דער וועלט בארימטער "חתם-סופר" זי"ע, באטאנט אין זיין צוואה: "די טעכטער זאלן לערנען אין די ערלעבע ספרים אויף אידיש, וואס זענען באזירט אויף די אגדות חז"ל.

זיין גרויסער תלמיד דער "לב העברי", ר' עקיבא יוסף שלעזינגער זי"ע, זאגט, אז דאס איז טאקע געווען די כוונה פונעם "חתם-סופר".

דער מחבר פונעם הייליקן ספר: "שבת-של-מי" ר' חיים טשערנאוויצער זי"ע, זאגט אויפן מחבר פון ספר "קב הישר": מען דארף זיין געווארנט אין יעדןווארט זיינס, ווייל ער איז זייער א געהויבענער מענטש (שבת- של-מי שבת בא, ב).

דער "שר שלום" פון בעלזא, ערשטער בעלזער רב זי"ע, האט עדות געזאגט אויף זיך, אז זיין יראת שמים האט ער געשעפט פון די הייליקע ווערטער פון דעם ספר "קב הישר" און אים געלערנט הונדערט און צוויי מאל לויט דעם נאמען און קאפיטלען פונעם ספר.

דער "צמח צדק" פון ליובאוויטש, דער גאון און קדוש ר' מנחם מענדל זי"ע, אין זיין אנווייזונג וועגן יראת ה' צו זיינם א גרויסן תלמיד, דייט ער אן אויפן הייליגן "קב הישר".

דער "שפתי צדיק" - פילצער רבי זי"ע, שרייבט אין זיין צוואה: "יעדער זאל לערנען מיט זיינע קינדער דעם ספר "קב הישר" א סך מאל, כדי עס זאל אריינגיין אין זייערע הערצער מוסר און צניעות".

רבי חיים פלאג'י זי"ע, שרייבט וועגן דעם ספר "קב הישר": יעדער זאל לערנען אינעם ספר "קב הישר", ווי אויך אנזאגן זיינע קינדער זיי זאלן אזוי טאן. ער אליין פלעגט יעדן מוצאי-שבת לערנען אינעם "קב הישר".

דער וועלט בארימטער טשערנאבילער מגיד, ר' אהרן זי"ע, און זיין איניקל ר' יצחק מסקווירא האבן זייער זייער משבח געווען דעם "קב הישר" און באפוילן צו לערנען אין אים.

ווי באוואוסט איז דער "קב הישר" געווען א תלמיד פון מחבר "יסוד יוסף" און ציטירט אים אסאך מאל אין זיין ספר. דער "יסוד יוסף" איז נישט אראפ פון רבי אהרן טשערנאבילערס טיש.

דער מחבר פון "ילקוט-מעם-לועז", וואס האט געלעבט אין דור פון "קב הישר", אין צפת, רימט אים זייער, און אסאך מאל ברענגט ער פון אים גאנצע קאפיטלען אין זיין ספר.

RABBI SOLOMON KRAUSZ
215 Rutledge Street
Brooklyn, NY 11211
(718) 387-3881

שלום קרויז
אב"ד דק"ק אודוואַרי
כעת הרב בביהמ"ד בית ישעי'
מח"ס שו"ת דברי שלום ד"ח ושאר ספרים עה"ת וסוגיות

בס"ד, עש"ק זאת חקת התורה תש"ס

הן הראה לפני הספר הקדוש קב הישר אשר ידידי הרה"ג המפורסם בחיבוריו היקרים שהוציא לטובת הכלל ובתוכם סה"ק שבט מוסר והצליח ברוחניות כי הוציאם ברוב פאר והדר בלשון אידיש המורגל אצלינו. ועתה הוסיף עוד בכח הרצון להוציא גם סה"ק קב הישר בלשון אידיש, מאוד נחוץ בכל בית ישראל להביאם לביתם למען ירגלו גם הנשים והבתולות לקרוא בו בתמידות ועי"ז יבואו למדריגות ירא שמים באמת.

אין בפי מילין להלל המלאכה הגדולה שעשה בזה, ובטוח אני שכל מי שיביא הסה"ק הזה בתוך ביתו ישתדל שכל בני ביתו ירגילו לקרות בו בכל זמן פנוי יהנה מאוד מזה הספר ומפירושו הנפלא ויהא לו לעזר להביא חינוך יפה לדורותיו.

והשי"ת יעזור לו שיצליח בכל ענינים ובפרט כי הוא בעצמו גדול וחנך את יוצ"ח לתלמידי חכמים גדולים ולבעלי מדות טובות.

הכותב וחותם לכבוד התוה"ק בשמחה רבה

**הק' שלום קרויז אבד"ק אודוואַרי**

מחבר ספרי שו"ת דברי שלום ו' חלקים

**RABBI RAFAEL BLUM**
100 KASHO DRIVE
BEDFORD HILLS, N.Y. 10507

**רפאל בלום**
ראב"ד דק"ק קאשוי יע"א
בעדפארד היללס, ניו יארק יע"א

בס"ד, יום ג' פרשת וירא תשס"א לפ"ק.

הביאו לפני איזה עלים מהעתקת קב הישר בלשון המדוברת ולמותר להאריך בשבח גדולת המחבר כי כבר יצא טבעו בכל העולם כולו בספריו המקודשים המלאים זיו ומפיקים נוגה, וכבר שתו ושותין בצמה דבריו הקדושים כל קהל עדת ישראל זה כמה דורות וכבר נתעוררו אלפי ישראל לחיק אביהם שבשמים בכח דבריו הקדושים החוצבים להבות אש ובתוכם גם גדולי הדור שהעידו על עצמם כן. ומקור הדברים בחז"ל ש"ס ומדרשים וגם בספרי קבלה, ונכתבו בלשון צח המתקבלים היטב בלב כל אחד.

וטובה גדולה וזכות הרבים נפלאה העתקת הדברים בלשון המדובר כדי שיהי' שוה לכל נפש אנשים נשים גדולים וקטנים ועי"ז יהיה יד הכל ממשמשים בו גדול כקטן וכולם מוצאים בו דברים נעימים ומתוקים, וכבר האריכו הספרים בגודל ללמוד ספרי מוסר בכל יום ובפרט בזמן הזה שהדור פרוץ במלואה בעוה"ר אי אפשר כלל לעמוד נגד גלי הנסיונות בלי הלימוד בספרי הנחיצות המוסר.

ואחזיקנא טיבותא להני עוסקי בקדשי שמים הטורחין טובא להוציא מתחת ידן דבר שלם על טהרת הקודש ומצוה רבה להביא ברכה זו לבית ישראל כדי ולהשרות השכינה בביתם. וגם שהדברים שנכתבו בקדושה וטהרה יתאפשרו לקרב לבות ישראל לאביהם שבשמים.

יה"ר שנזכה כולנו לעבדו שכם אחד מתוך בריות גופא ונהורא מעליא עבגצבב"א.

**רפאל בלום**
ראב"ד דק"ק קאשוי יע"א

# אינהאַלט פון די פרקים

## לויטן סדר פון די פרקים - פון חלק א'

**א.** די גרויסקייט פון התבודדות און חשבון-הנפש, און אכטונג געבן וואס מען טוט און אפילו וואס מען רעדט. - א געשיכטע מיט א פרוי וועגן בית-דין של מעלה, - די מעלה פון חכמה וואָס איז געגעבן געוואָרן צום מענטשן.

**ב.** אַ מענטש זאָל נוצן זיינע אויגן נאָר צום גוטן.

**ג.** אַז ווען אַ מענטש זיצט מיט זיין חבר זאָל ער רעדן מיט אים דברי תורה.

**ד.** דער שכר פאַר מחדש זיין אמתע חידושים און נישט גרויס האַלטן זיך מיט דעם - יעדער חידוש וואָס דער מענטש האָט מחדש געווען גייט ארויף און שטעלט זיך פאַר השי"ת, און השי"ת קרוינט אים מיט קרוינען.

**ה.** די גרעסטע ליבשאַפט פון אַ חבר איז, ווען ער זעט זיין חבר איז עובר אַן עבירה זאָל ער אים זאָגן מוסר.

**ו.** דער וואס וויל זיך רייניגן העלפט מען אים פון הימל. - די וויכטיגקייט פון לערנען תורה ווען מען גייט אויפן וועג. - מען זאל שטארק מכוון זיין ווען מען עס עפעס גייענדיג אויף דעם וועג.

**ז.** די וויכטיגקייט פון זיך נישט גרויס האַלטן און די מעלה פון באַשיידנקייט און איר שכר.

**ח.** די וויכטיגקייט פון אַכטונג געבן נישט צו טראַכטן קיין מחשבות-זרות ביים דאַווענען, ווי דער כהן אין בית-המקדש און די מלאכים אין הימל.

**ט.** אין דעם פרק ווערט ערקלערט ווי אַזוי מנהיגים דאַרפן פירן זייערע קהילות מיט רחמים, און נישט אַרויפוואַרפן איבעריגן פחד אויפן ציבור.

**י.** די וויכטיגקייט פון איינלאַדענען אָרימעלייט צו אַ סעודת מצוה.

**יא.** די וועלט שטייט אויף צוויי זיילן: זכות-תורה און זכות-אבות.

**יב.** אַ מענטש זאָל בעטן ביי השם יתברך ער זאָל נישט פאַרשעמט זיין אויף יענער וועלט, שטייענדיג פאַרן גרויסן און געוואַלדיגן דין פונעם כסא הכבוד.

**יג.** דער חיוב צו וואַשן די הענט אין דער פרי, ווען מ׳מאַכט אויף די אויגן, און וויאַזוי.

**יד.** עס ווערט ערקלערט אין דעם פרק, אַז פון יעדן מצוה וואָס אַ מענטש טוט ווערט געבוירן אַ מלאך, וואָס זאָגט שטענדיג גוטס אויף אים, און חלילה פאַרקערט ביי אַן עבירה.

**טו.** די מעלה פון שלום און די שענדלעכקייט פון מחלוקת.

**טז.** די גרויסע שטראָף פון אַ מענטש וואָס איז עובר אויף אַ חרם און וואָס איז דער גורם דערצו.

**יז.** אין דעם פרק ווערט ערקלערט די עלף טייל'ן פון טומאה וואס דער מענטש זאָל זיך היטן פון זיי. - אויך ווערט ערקלערט די וויכטיגקייט פון פירן זיך בקדושה ובצניעות.

**יח.** דער מענטש איז מחויב צו לויבן דעם באשעפער פאַר אלע נסים וואָס ער טוט מיט אים יעדן טאָג.

**יט.** דער חוב וואָס ליגט אויפ'ן מענטשן מקיים צו זיין אַלע תרי"ג מצוות און קענען זייערע הלכות

**כ.** דער חוב צו דאַווענען "שמונה עשרה" מיט כוונה,
-
בענין שכר ועונש.

**כא.** ווי שטאַרק מ'איז מדקדק מיטן מענטש צו ער האָט געלערנט תורה לויט זיין מעגלעכקייט. - די שמחה פאַרן טאַטן ווען ער איז זוכה אַריינצוברענגען זיין זוהן אין עול המצוות צו 13 יאָר. - די סעודת בר מצוה וואָס דער תנא רבי שמעון בר יוחאי האָט געמאַכט פאַר זיין זוהן רבי

אלעזר. - דער חיוב פון אויפשטיין ביים עלות השחר כדי צו זאָגן שירות ותשבחות פאַרן אויבערשטן.

**כב.** דער גרויסער חטא פון פגם הברית. - יעדע מצוה ווערט פאַרצייכנט אויפן שטערן פונעם מענטש. - א מעשה פון רבי חיים וויטאל ז״ל מיטן אַר״י ז״ל. - די סיבה פאַרוואָס די צדיקים ליידן יסורים און די רשעים לעבן במנוחה אויף דער וועלט.

**כג.** וויאַזוי דער צדיק חנוך איז דערהויבן געוואָרן אין הימל און איז געוואָרן דער מלאך וואָס ווערט אָנגערופן מט״ט. - דער מענטש דאַרף מתפלל זיין צום אויבערשטן אויף יעדער זאַך גרויסע און קליינע, סיי די באַדערפענישן פאַרן גוף און סיי די באַדערפענישן פאַר דער נשמה, ווייל אַלעס ווענדעט זיך אין תפילה. - די געשיכטע מיט ר׳ אבנר, דער תלמיד פון רמב״ן ז״ל, וואָס די תפילה פון זיין רבין האָט אים געהאָלפן ער זאָל תשובה טוהן און האָבן אַ טיילווייזע כפרה. - די וויכטיגקייט פון דאַווענען אין שוהל.

**כד.** די וויכטיגקייט פון טראַכטן דברי תורה ווען מ׳גייט אויפ׳ן וועג. - זיך דערווייטערן פון וויסטע ערטער וואָס זענען געשטאַנען ליידיג מער ווי זיבן יאָר. - דריי טעמים פאַרוואָס אַ הויז ווערט חרוב. - די שענדליכקייט פון קמצנות אָדער פזרנות. - דער חיוב פון שטיצן ערליכע אָרימעלייט.

בעזרת השם יתברך

# הקדמת המחבר

❖

## די הקדמה פון מחבר איבערגעזעצט אין דער אידישע שפראך

❖

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

בס"ד

# הקדמת המחבר

**"ואתחנן** אל ה'" (דברים ג, כג). אמרו רבותינו זכרונם לברכה (דברים רבה יא, י), שמשה רבנו עליו השלום התפלל חמש מאות וחמש עשרה תפלות - כמנין **"ואתחנן"** - על שבקש לכנוס לארץ.

**גם** אני מזקנים אתבונן, ואשפך שיחי לפני האל העונה אותי ביום צרתי, **בחמש מאות וחמש עשרה** תפלות כמנין שמי החול הירש שהוא גמטריא **חמש מאות וחמש עשרה**: ה', נחני בדרך **ישרה** - כמנין **"ואתחנן"**. בתחנונים ידבר רש לפני כל יודעי דת ודין, היושבים על מדין, שיהיו לרצון אמרי פי, בחבור קדש זה שאין בו דבור דופי.

**וקראתי** שם הספר **"קב הישר"** על שם שני טעמים נכונים והגונים:

**טעם** הראשון, שכתבתי והצגתי לפניך ק"ב פרקים, כמנין שמי הקדש, שהוא **צבי**, גימטריא כמנין **"קב הישר"** - הוא בהיפוך אתון כשמי החול **הירש** - אותיות דדין כאותיות דדין.

**וטעם** השני הוא שקראתי **"קב הישר"** זה הספר, שהוא **קב ונקי כסלת המנפה בשלשה עשר מיני נפה**, ומיישר לב האדם ולב העקם לילך בתמימות בדרכי ה', אשר צדיקים ילכו בה. ויראו צדיקים וישמחו בראותם אור ותועלת גדול, שהוא תוכחת מגולה ואהבה נסתרת, הן על דרך פשט ודרך משל ומליצה, דברים המתישבים על הלב ומושכין לבו של אדם בראיות ברורות מספר הזוהר וממאמרי רבותינו זכרונם לברכה.

**וחברתי** זה הספר לא להתפאר בו ולטול עטרה לעצמי, רק כיונתי בימי עניי ומרודי ליתן מרגוע לנפשי לזכות בו את הרבים,

וזכות הרבים יהיו תלויין בי. ובודאי יפקחו עיני העבריים, אשר ישקיפו בהשקפת העין - עינא פקיחא - בודאי יעלזו ויגילו, ולא ימוש ספר הזה מפיהם ומפי זרעיהם.

**וכהיום** זכני ה׳ שתפלתי עושה מחצה, שהבאתי מחצית הספר שהוא חלק ראשון לבית הדפוס, כאשר עיניכם רואות. על כן אמרתי במה אכף לאלוקי מרום ובמה ארצה אותו ברבבות אלפי נחלי ומן על כל הטובות אשר גמלני?! מאפלה לאורה הוציאני, ממות לחיים ומכור הברזל הצילני, באשר שרבים קמו עלי לבלעני, חנם אין כסף בלא כסופא יצאוני, והמחבלים חובלין וכסלא לעוגיא עטרוני, ומאה גלבין הכוני פצעוני. אתה ה׳ דון משפטי ודיני, כי נשאי רדידי מעלי ומחמד עיני, וכספי וזהבי ומטמוני, וכבעל השור נקי מנכסי יצאוני, ושכוני כנחש וצפעוני. שלו הייתי יושב בביתי ובעלי קרנים דחפוני, המה בעלי זרוע אשר אין להם שר ומושל סבבוני, אמרתי ששחה לעפר נפשי אך חסד אל עזרני.

**אז** נדור נדרתי ביום צרתי בשברון מתנים בדמעות עיני, לקיים בעצמי מאן דביש ליה במאי מתא ליזיל למתא אחריתי (בבא מציעא ע״ה, ב), כך סליקו לי על רעיוני, לעזוב ארץ מולדתי ונחלת אבותי לתקוע אהלי אפדני בית חמוהי היא קרתא קדישא פרנקפורט דמיין, ומלכו של עולם חדריו הביאני, בעירום ובחסר כל, ולא נשאר בידי כי אם חבורי, שחברתי זה הספר לזכות בו את הרבים, ובודאי יהיה לרצון לפני כל כטל וכרביבים.

**לא** נחתי ולא שקטתי, עד שהבאתיו לבית הדפוס להורות הדרך הישר והטוב לאנשים אשר המה כערכי ולהפחותים ממני, לנהגם על מי מבועי מים חיים, כאשר ראיתי ממורי והורי הקדושים אשר בארץ המה, הלא הם - אבי, הרב הגאון, מורנו הרב רבי **אהרן שמואל קאידענאווער** זכרונו לברכה, ומשאר רבותי גאוני ארץ, באשר ששמשתי ויצקתי מים על ידיהם, ומפיהם אני חי.

**וגדולה** שימוש תלמידי חכמים יותר מלימודה (ברכות ז, ב), שראיתי דרך הטוב והישר מרבי המובהק, הלא הוא החסיד הרב הגאון, מורנו הרב רבי **יוסף**, בהרב הגאון המנוח, מורנו הרב רבי **יהודה יודל** זכרונו לברכה, שהיה אב בית דין וריש מתיבתא דגליל דקהלת קדש מינצק, ולבסוף ימיו נתבקש בישיבה של מעלה בקהלת קדש דובנא רבתי, יכוננה עליון, אמן.

**ושתיתי** בצמא את דבריו, כאשר אכתוב בחלק השני באיזה מקומות של שבחי"ם, ובאיזה פרק הן הם ממש דבריו, אך לפעמים הוספתי נופך משלי בדבריהם, ולפעמים חסרתי. וכדי שיהיו שפתותיהם דובבות בקבר, וכדי שלא אקח עטרה לעצמי, על כל פרק ופרק את תהלה למלפני ולמעבדני, ואשא עיני אל ההורים ומורים לקיים דברי רבותינו זכרונם לברכה (מגילה טו, א): כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם.

**ואני** תפלה בכל עת רצון, **שכל מי אשר יראת ה' בלבבו, יקרא פעמים ושלש בזה הספר, הנותן אמרי שפר, ולקיים אמרי שאני מזהיר ומזכיר קצת מצוות אשר האדם דש בעקביו, לקיים אותן בכל לב ונפש. כי אותן המצוות מונחים ממש בקרן זויות, ואין בני האדם נזהרין בהן, אמרתי לדבר נגד מלכים ולא אבוש.**

**והעתקתי הספר הזה גם כן ב"לשון אשכנזי"**, כדי שידעו יודעי בינה, וידי כל אדם יהיו שולטים בזה הספר, להבין ולהשכיל, כאשר עיניכם הרואות תחזינה מישרים אפס קצהו בחלק זה, וכולו תראו בחלק השני. וסהדי במרומים, שלא היה בידי שום פרוטה בתחלת הדפוס, ומהשמים עזרוני שגמרתי חלק ראשון, ותפלתי לאל חיי, שיגמלני חסד לגמור גם חלק שני, ואקוה לאל, שיגמר קודם חנוכה הבא עלינו לטובה.

**על-כן עושו חושו, ואל תחוסו על כספכם המעוטה לקנות**

**מעמדי זה החלק, ויאירו עיניכם כשמש בצהרים. והמקַיים זה הספר, יזכה לראות בבנין ציון וירושלים.**

כה דברי המעתיר, הכותב ברפיון ידים ובשברון מתנים
הקטן **צבי הירש**

בן הגאון מוהר"ר **אהרן שמואל** זלה"ה **קאידענאווער**

- לפרט קטן [שנת **תס"ה**]

☋ ☋ ☋

## די הקדמה פון מחבר

(איבערגעזעצט אין אידיש)

**פאַרן** כבוד פון השם יתברך טו איך זיך אָנשטרענגען און רעדן: "רבונו של עולם, פיר מיך אין דעם ריכטיגן וועג".

**ואתחנן** אל ה' (דברים ג, כג), זאָגן אונזערע חכמים זכרונם לברכה אי' מדרש רבה (דברים יא, י): משה רבינו האָט מתפלל געווע' פינף הונדערט און פופצן תפילות, לויט וויפל עס באַטרעפט דאָ' וואָרט "ואתחנן", כדי ער זאָל קענען אַריינגיין אין ארץ ישראל.

**אויך** איך וועל לערנען פון אונזערע לערער און אויסגיסן מיין האַר' אין תפילה פאַרן באַשעפער, וואָס ענטפערט מיר אין מיי' ענגשאַפט מיט פינף הונדערט און פופצן תפילות קעגן מיין נאָמען "הירש": ה - פינף; י - צען; ר - צוויי הונדערט; ש - דריי הונדערט. צוזאַמען פינף הונדערט און פופצן.

**רבונו** של עולם, פיר מיך בדרך "ישרה" - ווי דער מספר פון "ואתחנן". מיט געבעט רעדט דער אָרעמאַן צו די ריכטער וואָס טוען משפטן, אַז מיינע ווערטער אין דעם הייליגן ספר, וואָס עס איז נישטאָ אין אים קיין קרים וואָרט, זאָלן געפעלן ווערן.

**איך** האָב אַ נאָמען געגעבן דעם ספר "קב הישר" צוליב צוויי ריכטיגע און פאַסיגע טעמים: איינער, ווייל דער ספר אינהאַלט הונדערט און צוויי קאַפּיטלען, לויט די צאָל פון מיין הייליגן נאָמען - צבי. צ- 90; ב- 2; י-10 צוזאַמען הונדערט און צוויי, ווי די צאָל פון דעם וואָרט קב. דער וואָרט **הישר** איז אויף צוריקוועגס - **הירש**.

**דער** צווייטער טעם פאַרוואָס איך האָב גערופן דעם ספר "קב הישר", ווייל ער איז טאַקע קב, אַביסל, אָבער ריין אַזוי ווי זעמאַלע מעל, וואָס איז געזיפּט מיט דרייצן זיפּן, ומישר - עס גלייכט אויס די פאַרקרימונג פון מענטשליכן האַרץ צו גיין תמימות'דיג אין איבערשטנס וועגן, דעם וועג וואָס די צדיקים גייען אין אים. זאָלן די

צדיקים זענ און זיך פרייען דערזעענדיק דאָס גרויסע ליכט און נוץ פונעם ספר, וואָס ער איז אַן אָפענע תוכחה מיט באַהאַלטענע ליבשאַפט, סיי לויטן דרך פון פשט און סיי לויטן דרך פון משל און מליצה, ווערטער וואָס זענען נאָנט און ציען צו דאָס האַרץ פונעם מענטשן, מיט קלאָרע ראַיות פון זוהר הקדוש און פון אַנדערע מאַמרים פון אונזערע חכמים זכרונם לברכה.

**איך** האָב נישט מחבר געווען דעם ספר גרויס צו ווערן דורך אים, זיך אָנצוטאָן אַ קרוין אויפן קאָפּ, נאָר איך האָב גענומען אויף זיך אין מיינע ביטערע און אָרעמע טעג, צו געבן אַ באַרואיגונג צו מיין נפש דורך מזכה זיין דעם רבים, כדי דער זכות הרבים זאָל מיר בייּשטיין.

**איך** בין זיכער אַז יעדער איד וואָס וועט זיך גוט איינקוקן מיט זיין אָפן אויג אין ספר וועט זיין זייער צופרידן און אויפגעלייגט, און דער ספר וועט זיך נישט אָפּטאָן פון זיי און זייערע קינדער.

**אַ דאַנק** השם יתברך וואס מיין געבעט האָט געפועלט כאָטש אַ העלפט, אַז איך דרוק איצט די ערשטע העלפט פון ספר, ווי אייערע אויגן זעען. דעריבער טו איך זאָגן: רבונו-של-עולם, וואָס קען איך דיר צופרידן שטעלן און אָפּדאַנקען פאַר דעם גוטס וואָס דו האָסט געטאָן און טוסט פאַר מיר. דו האָסט מיך אַרויסגענומען פון פינסטערניש צו ליכטיקייט, פון טויט צום לעבן, פונעם אָפּגרונט פון פאַרשקלאַפונג האָסטו מיך געראַטעוועט, ווען מערערע זענען אויף געשטאַנען אויף מיר איינצושלינגען, אומזיסט אָן געלט און אָן ישועה מיך פאַרשקלאַפט; מיך געשלאָגן מערדערלעך הונדערט שמיץ מיט אַן אייזערנע ריט, באַצירט מיין קערפּער מיט שוואַרצע צייכנס פון קלעפּ, מיין גאַנצן קערפּער פאַרוואונדעט.

**נאָר** דו רבונו-של-עולם האָסט זיך אָנגענומען פאַר מיר און געמשפּט מיין דין, ווען מען האָט אַוועקגענומען מיין שיינעם איבערצי און גלוסט פון מיינע אויגן. שוין אָפּגערעדט פון מיין געלט, גאָלד און

אַנדערע ווערט זאַכן. איך בין אַרויס פון מיין פאַרמעגן גלייך ווי גאָט האָט מיך באַשאַפן. ווי גיפט-שלענג האָבן זיי מיך צעביסן.

**רואיג** און צופרידן בין איך זיך געזעסן אין שטוב, ביז עס זענען אוי... אונז אָנגעפאַלן די מערדער מיט הערנער און אונז אַרוי... געשטויסן פון שטוב, דאָס זענען די אומציוויליזירטע מענטשן, הפקר-באַנדעס אָן א פאָן און פירער וואָס האָבן אונז אַרומגערינגלט. איך האָ... געמיינט אַז דאָס איז די ענדע פון אונז. אָבער דער חסד פון באַשעפע... האָט אונז ארויסגעהאָלפן.

**אין** דער צווייפל צייט, פון צרה, מיט צעבראָכענע לענדן און פאַרטרערטע אויגן, האָב איך אַ נדר געטאָן, מקיים צו זיין דאָ... וואָס אונזערע חכמים זאָגן אונז אין (בבא מציעא עה, ב): ווועמען עס... גייט נישט גוט אין איין אָרט זאָל ער גיין אין אַ צווייטע אָרט. אזוי אי... מיר געקומען אויפן געדאַנק, צו פאַרלאָזן מיין געבורט לאַנד און ד... ירושה פון מיינע עלטערן און זיך באַזעצן אין מיין שווערס שטאָט, ד... חשובע שטאָט פראַנקפורט דמיין, דייטשלאנד.

**השי״ת,** דער האַר פון דער וועלט האָט מיך טאַקע אַהין געברענגט אָרעם און נאַקעט, אָן אַ פרוטה. פון אַלעם וואָס כ׳האָב געהאַט פריער, איז מיר פאַרבליבן נאָר מיין ספר, וואָס איך האָב איב... מחבר געווען, ווי געזאָגט, מזכה צו זיין דעם רבים, און בוודאַי וועט ער זיין פאַר אַלעמען ווי דער פאַרגעניגן פון טל און אַ פיינער רעגנדל.

**איך** האָב נישט גערוהט און שטיל געווען, ביז איך האָב געברענגט מיין חיבור צום דרוק, צו לערנען דעם ריכטיגן און גוטן וועג פאַר מענטשן ווי מיינס גלייכן און ווינציקער פון מיר, זיי צו פירן דורך קוועלן פון מים חיים, ווי איך האָב געלערנט פון מיינע הייליגע רבי׳ס און עלטערן, וואָס זענען שוין אויפן עולם-האמת. דאָס זענען מיין פאָטער, דער גאון ר׳ **אהרן שמואל קאידענאווער** זכרונו לברכה,

און מיינע אַנדערע רבי׳ס, די וועלטס גאונים, וואָס איך האָב זיי משמש געווען, און געגאָסן וואַסער אויף זייערע הענט, און פון זיי לעב איך.

**אונזערע** חכמים זאָגן אונז, אז משמש זיין תלמידי-חכמים איז נאָך גרעסער ווי לערנען ביי זיי (ברכות ז, ב). איך האָב זיך צוגעקוקט דעם ריכטיגן און גלייכן וועג פון מיין עיקר רבי, דער גאון און חסיד ר׳ **יוסף**, דער זון פון דעם גאון ר׳ **יהודה יודל** זכרונם לברכה, וואָס איז געווען דער רב און ראש ישיבה אין דער שטאָט מינסק, ווייסרוסלאַנד. ער איז נפטר געוואָרן אין דער שטאָט גרויס-דובנא.

**איך** האָב געטרונקען מיט דורשט זיינע ווערטער און זיי איבער געזעצט אין מיין ספר, ווי איך וועל שרייבן וועגן דעם אין צווייטן חלק פון ספר. אין אַסאַך פרקים איז דאָס ממש דער לשון פון מיין רבי׳ן. טייל מאָל האָב איך מוסיף געווען עפּעס, און טייל מאָל עפּעס אַראָפּגענומען, כדי זייערע ליפּן זאָלן זיך באַוועגן אין קבר.

**כדי** נישט צו נעמען די קרוין פאַר מיר, וועל איך געבן אַ דאַנק צו מיינע דערציער און רעבעס. איך הויב אויף מיינע אויגן צו עלטערן און רעבעס, מקיים צו זיין די רייד פון אונזערע חכמים (מגילה טו, א): ווער עס זאָגט איבער אַ זאַך ריכטיג אין נאָמען פון דעם וואָס האָט דאָס געזאָגט, ברענגט די גאולה אויף דער וועלט.

**איך בין מתפלל צו השי״ת שטענדיק צייט, אַז יעדער וואָס האָט גאָט אין האַרץ, זאָל לייענען דעם ספר פון ריכטיגע און גוטע רייד, צוויי און דריי מאל, און מקיים זיין וואָס עס שטייט דאָרט, ווייל איך ברענג דאָרט געוויסע זאַכן וואָס מענטשן נעמען נישט אָכט אויף זיי, זאַכן וואָס מען טרעט מיט די פיס** - זיי מקיים צו זיין מיטן גאַנצן האַרץ און נפש. ווייל די דאָזיגע מצוות ליגן ממש ווי אָ וועקגעלייגט אין אַ ווינקל און קיינער

קוקט זיך נישט אום אויף זיי - דעריבער טו איך רעדן וועגן זיי אין דע־ עפנטלעכקייט, נישט פארשעמט.

**איך האָב איבער געזעצט דעם לשון פון ספר אויך אויף דייטש-אידיש, כדי עס זאָלן קענען לייענען דערין יעדער איינער און וויסן וואָס ער האָט צו טאָן**, ווי איר זעט אַביסל פון דעם אין דעם חלק, אָבער דער עיקר וועט איר זען אינעם צווייטן חלק.

**דער** באַשעפער איז מיין עדות, אז ווען איך האָב אָנגעהויבן צו דרוקן דעם ספר האָב איך נישט געהאט אַ פּרוטה אין טאַש, אָבער פון הימל האָט מען מיר געהאָלפן אַז איך האָב געענדיקט דעם ערשטן חלק. איך טו מתפלל זיין צום באַשעפער, ער זאָל מיר טאָן אַ חסד, איך זאָל קענען ענדיגן אויך דעם צווייטן חלק.

**איך** האָף צו השי״ת אַז דער ספר וועט נאך געענדיקט ווערן נאָך פאר חנוכה וואָס קומט צום גוטן אויף אונז.

**דעריבער** טו איך בעטן אַחינו בני-ישראל: איילט זיך צו, קוקט נישט אויף קיין געלט, אַפילו ווען איר האָט דאָס ניט, און קויפט ביי מיר דעם חלק, און אייערע אויגן וועלן דערלייכט ווערן ווי די זון אין הימל מיטאָג צייט. און ווער ס׳איז מקיים דעם ספר, וועט זוכה זיין צו זען די בויאונג פון ציון און ירושלים.

**דאָס** זענען די ווערטער פון בעטער, וואָס שרייבט מיט שוואַכע הענט און צעבראָכענע לענדן.

הקטן **צבי הירש**

דער זון פון ר׳ **אהרן שמואל קאידענאווער** זלה״ה

# פאָרוואָרט פון דעם ארויסגעבער

**אין** אונזער היינטיגען דור יתום ווען עס פעלן אונז ליידער די הייליגע צדיקים זי"ע פון די פריערדיגע דורות, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל מוכיח זיין בדברי מוסר והתעוררות, קען דער הייליגער ספר **קב הישר** ממלא זיין דעם חסרון, ווייל ווען מען איז מעיין אין דעם ספר זעט מען ווי דער הייליגער מחבר רעדט צו יעדן איינעם פון אונז, גליי ווי ער וואָלט געלעבט אין אונזער דור, און ווי ער וואָלט געוואוסט וועגן אַלע גרויסע נסיונות צו וועלכע אונזער דור איז אויסגעשטעלט.

**עס** איז ידוע וואָס דער מדרש זאָגט אויפ'ן פסוק "עת לעשות לה' הפרו תורתך", אַז ווען עס איז אַ דור פרוץ, מען האַלט נישט די תורה, מען איז נישט מקיים אירע מצוות ווי עס דאַרף צו זיין, עס איז "הפרו תורתיך", דעמאָלטס איז "עת לעשות לה'", מען דאַרף טוען פאַר דעם אויבערשטן, צו שטאַרקן דעם קיום פון דער תורה הקדושה.

**אויך** איז כדאי צו ברענגען דאָ וואָס הגה"ק רבי הלל קאָלאָמייער זי"ע שרייבט אין זיין הקדמה צום ספר "עת לעשות", אַז דער ספר קאָסט אים אָן אַ שיעור טרערן און זייער פיל שעה'ן ביטול תורה ארויסצוגעבן עס פאַר דער וועלט, אָבער ער טוט עס כדי אַריינצוברענגען אמונה, בטחון און מדות טובות אין אידישע הייזער, וואָס עס מאַנגלט זייער אין היינטיגן דור.

**אויב** ר' הלל קאָלאָמייער שרייבט אַזוי מיט הונדערט יאָר צוריק, וואָס איז אין פאַרגלייך צום היינטיגן דור געווען אַ דור פון תורה און יראה, קדושה און טהרה, ווען עס האָבן נאָך געלעבט הונדערטער גאונים וצדיקים אין אַלע מדינות וואו אידן האָבן געוואוינט, און דאָך שרייבט ער, אַז עס אַז פעלט אויס אַזאַ ספר פאַר די וועלט, איז וואָס זאָלן מיר זאָגן היינט בעווה"ר, ווען אידישע קינדער זענען

אויסגעשטעלט צו פאַרשידענע נסיונות ברוחניות ובגשמיות, געװענטשן זענען פאַריאָגט נאָך פרנסה, און עס איז אונטערגעוואַקסן אַ דור בליעה״ר וואָס האָט זיך בעז״ה שטאַרק צעבליט, אָבער מען ווייסט כמעט נישט ווי אַזוי עס האָט אַמאָל אויסגעזען אַן ערליכער איד.

**דאָס** האָט אונז טאַקע שטאַרק מחזק געווען אין אונזער אַרבעט, זעענדיג די וויכטיגקייט פון אַרויסגעבן פון דאָס ניי אַזאַ ספר ווי דער **קב הישר** איז, כדי צו דערלייכטן די אויגן פון אידישע קינדער און דערוואַרימען זייערע הערצער מיט די האַרציגע און וואַרימע מוסר-רייד פון הייליגן מחבר זי״ע.

**עס** איז כדאי צו ברענגען דאָ, וואָס ר׳ הלל קאַלאָמייער שרייבט אין די הקדמה צו זיין ספר עת לעשות, וזל״ק: ווייל איך האָב אין פאַרלויף פון מערערע יאָרן געהאַט אַ גרויסן פאַרקער און זייער סאַך באַגעגענישן מיט פאַרשידענע סאָרטן פון אידישע קינדער, און איך האָב זיי גוט קענען געלערנט, בין איך שטאַרק איבערצייגט, אַז אַפילו ביי די נידעריגסטע קלאַסן פון די אידן איז די אמונה און ליבשאַפט צום דת און צום בורא ברוך הוא נאָך פעסט און געטריי. און אויך אין דער היינטיגער צייט איז זיי נאָך אַלץ פאַסיג דער נאָמען ״חבוקה ודבוקה בך״ - מיין פאַרנעמען און מיין וואונש איז צו שטאַרקן זיי אין אידישקייט אַזוי ווי אַ מויער פון אַ פעסטונג. און אין געוויסע הינזיכטן זענען זיי נאָך מער לויבנסווערט ווי די דורות הראשונים, די פריערדיגע דורות. און די גאַנצע אורזאַך פאַרוואָס געוויסע ענינים זענען אָפּגעשוואַכט ביי אידן, און אין טייל געגענטן איז אפילו אידישקייט גאָר שטאַרק אָפּגעשוואַכט, פאַרקלענערט אָדער פאַרוויניגערט, און שטייט אין אַ נידעריגע מדריגה, דאָס אַלעס איז נאָר צוליב דער אומוויסנהייט, ווייל זיי זענען ליידער פון די פאָרשריפטן פון דער הייליגער תורה נישט נאָר דערווייטערט, נאָר אויך פרעמד, ווייל בעוה״ר זענען פאַראַן זייער זעלטן אמת׳דיגע טרייע פירער, און דורך דעם זענען זיי כצאן בלא רועה, ווי שאָף אָן היטער, און אין געוויסע

שטעט דאַרף מען זיי באַטראַכטן ווי פאַרבלאָנדזשעטע שאָף, צוליב זייער פאַלשע מנהיגים. דעריבער האַלט איך פאַר מיין פליכט מקיים צו זיין די מצוה פון "הפרו תורתך" וועגן "עת לעשות לה'", אַז ווען מען וויל צורעכט ווייזן אידישע קינדער, מוז מען זיך מבטל זיין פון תורה לערנען, אַז די ברענענדיגע קויל פון אברהם אבינו צו השם יתברך זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן אינגאַנצן ביי זיינע קינדער אין דעם לעצטן דור וכו' עיין שם.

**אויך** שרייבט ער דאָרט בתוך הדברים: אויב דו וועסט נישט פועל'ן ביי מענער, וועסטו פועל'ן ביי פרויען וועלכע זיינען ווייכהערציג; אויב דו וועסט נישט ווירקן ביי יונגע מענטשן, וועסטו ווירקן ביי אַלטע; אויב דו וועסט נישט ווירקן ביי געזונטע, וועסטו ווירקן ביי קראַנקע און ביי מדוכאים ביסורים, די וואָס זענען געפלאָגט פון יסורים; ווי אויך ביי אַזעלכע וואָס זענען פאַרפאָלגט פון די פגעי הזמן, פון פאַרשידענע שלעכטע צופאַלן. אָבער לויט מיין מיינונג וועסטו מצליח זיין אין אַלע דיינע וועגן. פאָרכט דיך נישט! זיי נישט באַזאָרגט! שרעק דיך נישט אָפּ! ווייל די אידישע קינדער האָבן געזאַט אַן אור-אַלטן פאָטער אברהם, וואָס די תורה שרייבט אויף אים "והאמין בה'", אַז זיין גלויבן אין השם יתברך איז געווען פעסט און שטאַרק, ממילא איז דאָך די אמונה איינגעוואָרצלט ביי אידישע קינדער בתורת ירושה, און זייער נאָמען איז אויף אייביג "מאמינים בני מאמינים". דעריבער, לויט מיין מיינונג, וועסטו זייער אַ סאַך ווירקן. אַ סאַך אידישע קינדער וועלן דיך קושן, און אַ סאַך וועלן ביים לייענען פאַרגיסן טרערן, וכו', עיין שם.

**דער** ספר קב הישר איז קיינמאל נישט געווען אין א ריכטיגן אידיש און מיט די צייט, פון אויסגאבע צו אויסגאבע האבן זיך געמערט די גרייזן און קרומקייטן אין לשון פון ספר, און דאס האט גורם געווען אז מיט דער צייט האבן וואס ווינציגער מענטשן אריינגעקוקט אין איהם.

**דעריבער** האָבן מיר זיך אונטערגענומען ארויסצוגעבן דעם ספר "קב הישר" אין דעם היינטיגען אידישען אויסלייג, מיט פיהל הוספות, צוגעפאַסט צו יעדן ענין אַז עס זאָל זיך לייענען אויף אַ לייכטן אופן.

**אפילו** ווען מיר האבען געמוזט ענדערן ווערטער, דאך האָבן מיר זיך באַמיט אַרויסצוברענגען ריכטיג דעם געדאַנק פון מחבר אין ספר, ווי ווייט מעגליך. אלע באמיאונגען זענען געטוהן געווארן כדי עס זאָל זיין גרינג צו לערנען פאַר יעדן וואָס וויל זיך דערוואַרעמען מיט די הייליגע ווערטער פון ספר.

**מיר** האָבן נישט געקוקט אויף קיין מי און אויף די ריזיגע הוצאות פון אַרויסגעבן אַזאַ ספר אין אַ שיינע אויפלאַגע אין דער היינטיגער צייט.

**מיר** האָבן זיך באַמיט אַרויסצושרייבן די ראשי תיבות וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין ערשטן דרוק, קאָמע׳ס (פסיק׳ן), און נקודות, איינגעטיילט אין פאַראַגראַפן, קעפלעך אינמיטן די פרקים אויף פאַרשידענע ענינים.

**מיר** האָבן אויך צוגעלייגט וויכטיגע הערות און הוספות ביים סוף פון די פרקים, ווי סיפורי מעשיות און אַנדערע וויכטיגע ידיעות, וואָס האָבן אַ שייכות מיט די ענינים וועלכע דער מחבר באַהאַנדלט אין דעם פרק. מיר האָבן אויך צוזאַמענגעקליבן אין פאַרשידענע ערטער, פון רייד פון די פוסקים וואָס זענען נוגע צו די רייד פון מחבר, און אַלץ אין אַ לייכטע און צוגענגליכע שפּראַך, כדי צו באַרייכערן דעם לייענער מיט ידיעות וועגן די ענינים וואָס דער מחבר דערמאנט.

**מיר** ווילן דאָ אויך באַטאָנען, אַז מיר האָבן נאָך אַ סאַך הוספות און הערות אויף דעם ספר קב הישר, און כדי דאָס אַלץ אָפּצודרוקן וואָלטן מיר זיך גענויטיגט אין נאָך פיל צייט. מיר האָבן אָבער נישט געוואָלט צוריקהאַלטן דאָס אָפּדרוקן דעם ספר, ווייל עס איז אַ כפר

וואָס רבים צריכים לו (עיין ביצה כ"ה ע"ב), און פאַר אַ סאַך מענטשן איז עס ממש אַן ענין פון פיקוח נפש, צו ראַטעווען די נשמות פון די היינטיגע יונגע קינדער, און מיר האָפן אָפּצודרוקן אין די קומענדיגע אויסגאַבעס אַלע נויטיגע הוספות.

**אונזער** נייער ספר איז באשיינט מיט די הסכמות פון הרבנים הגאונים הצדיקים אודוואָרי, קאשוי, מגדולי פוסקי דורינו שליט"א, וועלכע דריקען אויס טיפע אנערקענונג און אָפּשאַצונג פאַר אונזער הייליגע אַרבעט אַרויסצוגעבן דעם ספר **קב הישר** על צד היותר טוב.

**מיט** די גאַנצע מי און אַרבעט וואָס מיר האָבן אַריינגעלייגט אַרויסצוגעבן דאָס ספר ברוב פאר והדר, ווייסען מיר פאָרט, אַז "שגיאות מי יבין", און עס איז מעגליך אַז עס איז אַריינגעפאַלן אַ טעות אָדער אַן אומפאַרשטענדליך לשון. דעריבער בעטן מיר די חשוב'ע לייענער אַז זיי זאָלן אונז דן זיין לכף זכות, צוליב די אויסערגעוועהנליכע מי וואָס איז פאַרבונדן מיט אַרויסגעבן אַזאַ ספר.

**איך** וויל דאַנקען דעם אויבערשטן וואָס איך האָב געהאַט דעם זכות מזכה צו זיין את הרבים, אַרויסצוגעבן פונדאָסניי דעם ספר קב הישר, וואָס עס איז איצט געוואָרן 289 יאָר זינט די פטירה פון מחבר (שושן פורים תע"ב – תשס"א).

**יהי** רצון אַז דער זכות פונעם הייליגן מחבר זאָל מגין זיין אויף מיר און מיין בני-בית און אויף יעדן איינעם וואָס האָט צוגעהאָלפן אַרויסגעבן דאָס ספר, זיי זאָלן געהאָלפן ווערן מיט אַלעם וואָס זיי ווינטשן זיך אַליין, בני, חיי ומזוני, דערציען זייערע קינדער צו תורה, חופה און מעשים טובים.

**מיר** האָפן אַז דאָס ספר וועט אַריינשיינען קדושה און יראת שמים אין אידישע הערצער, און מיר וועלן זוכה זיין צו זען ישועת כל ישראל ושמחתן.

**עס** זאָל ביי אונז מקויים ווערן די נבואה פון ישעי׳ הנביא (נ״ב, ז-ט) מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום על הרי יהודה, אומר לציון מלך אלוקיך וכו׳ כי עין בעין יראו בשוב ה׳ ציון, וראו כל אפסי ארץ את ישועת אלוקינו, במהרה בימינו אמן.

**חודש תשרי תשס״א לפ״ק**

המ״ל

❖ ❖ ❖

## אויסצוגן פון גאוני וצדיקי ישראל וועגן דעם הייליגן ספר קב הישר

**דער מחבר פון ״ילקוט-מעם-לועז״, וואָס האָט געלעבט זיין דור פון ״קב הישר״, אין צפת, רימט אים זייער, און אַ סך מאָל ברענגט ער פון אים גאַנצע קאַפּיטלען אין זיין ספר.**

**דער גרויסער און באַוואוסטער חיד״א,** - הרב חיים יוסף דוד אַזולאי זי״ע, דערמאַנט דעם **״קב הישר״** זייער אַ סך מאָל אין זיינע ספרים און ער האָט זיך שטענדיק געפונען אויף זיין טיש. ער זאָגט אויף אים: ״אַ ספר וואָס איז מעורר צו יראת שמים.

**דער מחבר פונעם הייליגן ספר: ״שבת-של-מי״ ר׳ יעקב שמשון שבתי פון סיניגאַליא, אַ בן-דור און אַ פריינד פון חיד״א זי״ע,** זאָגט אויפן מחבר פון ספר ״קב הישר״: מען דאַרף זיין געוואָרנט אין יעדן וואָרט זיינס, ווייל ער איז זייער אַ געהויבענער מענטש (שבת- של-מי שבת כא, ב).

**דער ״פרי-מגדים״** זי״ע, שרייבט: **״קב הישר״**, אַ לעבנס-וויכטיק ספר, וואָס היילט די נשמה און גוף. אַלע זיינע ווערטער זענען דורכגעטראַכט און מוסר. עס העלפט סיי דעם תלמיד חכם און סיי דעם דורכשניטלעכן איד און פרויען״.

**דער הייליגער ״נועם אלימלך״** זי״ע, - ר׳ אלימלך פון ליזענסק האָט שטענדיק געלערנט אין דעם **הייליגן** ספר **״קב הישר״**. הונדערט און צוויי מאָל האָט ער געלערנט דעם **״קב הישר״** - לויט דעם נאָמען און קאַפּיטלען פון ספר (אור אלימלך, אות ק״ה).

**דער קאָזניצער מגיד - ר׳ ישראל הופשטיין זי״ע,** האָט באַוואונדערט דעם ספר און זיך אויסגעדריקט אויפן ״קב הישר״: ״אַז מען לערנט אַ שטיקל זוהר וואָס געפינט זיך אין **״קב הישר״**, איז דאָס מער מסוגל מעורר צו זיין דעם מענטשן צו יראַת שמיִם, ווי ווען ער וואָלט געוועזן געלערנט דאָס זעלבע שטיקל אין זוהר אַליין (מאיר עיני חכמים תנינא, אמור).

**דער אָסטראָווצער גאון און צדיק - ״ר׳ צדוק זי״ע** פון זיין דור״ איז מסביר די ווערטער פון הייליגן קאָזניצער מגיד: ״די נשמה

פונעם מענטש קומט פון גאָר הויך און נידריקער ביז אַראָפּ, דעריבער אַ נשמה וואָס קומט פון אַ נידעריק אָרט, קען נישט פאַרשטיין ענינים וואָס קומען פון אַ העכערן אָרט ווי זייי שורש נשמה, דעריבער ווער עס לערנט דעם זוהר אין "קב הישר" פאַרשטייט עס בעסער ווי ווען ער וואָלט עס געווען געלערנט אינעם זוהר אַליין, ווייל דער מחבר פון "קב הישר" האָט אַריינגעגעבן אין זיין ספר דעם כוח הקדושה פון זיין שורש נשמה, דעריבער קען מען נתעורר ווערן מער דורך לערנען דעם "קב הישר איידער דעם זוהר גופא.

**דער וועלט באַרימטער "חתם-סופר" זי"ע,** באַטאָנט אין זיין צוואה: "די טעכטער זאָלן לערנען אין די ערלעכע ספרים אויף אידיש, וואָס זענען באַזירט אויף די אַגדות חז"ל.

**זיין גרויסער תלמיד דער "לב העברי", ר' עקיבא יוסף שלעזינגער זי"ע,** זאָגט, אַז דאָס איז טאַקע געווען די כוונה פונעם "חתם-סופר" מען זאָל לערנען אין הייליגן ספר "קב הישר".

**דער וועלט באַרימטער ר' אַהרן טשערנאָבילער מגיד, זי"ע,** און דער אייניקל פון מאור עינים ר' יצחק מסקווירא האָבן זייער זייער משבח געווען דעם "קב הישר" און באַפוילן צו לערנען אין אים.

ווי באַוואוסט איז דער **"קב הישר"** געווען אַ תלמיד פון מחבר **"יסוד יוסף"** און ציטירט אים אַ סך מאָל אין זיין ספר.

דער **"יסוד יוסף"** איז נישט אַראָפּ פון רבי אַהרן טשערנאָבילערס טיש.

**דער "שר שלום" פון בעלזא, ערשטער בעלזער רב זי"ע,** האָט עדות געזאָגט אויף זיך, אַז זיין יראת שמים האָט ער געשעפט פון די הייליקע ווערטער פון דעם ספר "קב הישר" און אים געלערנט הונדערט און צוויי מאל לויט דעם נאָמען און קאַפּיטלען פונעם ספר.

**דער "צמח צדק" פון ליובאוויטש, דער גאון און קדוש ר' מנחם מענדל זי"ע,** אין זיין אָנווייזונג וועגן יראת ה' צו זיינס אַ גרויסן תלמיד, דייט ער אָן אויפן הייליגן **"קב הישר"**.

**דער "שפתי צדיק" - פילצער רבי זי"ע,** שרייבט אין זיין צוואה: "יעדער זאָל לערנען מיט זיינע קינדער דעם ספר "**קב הישר**" אַ סך מאל, כדי עס זאָל אַריינגיין אין זייערע הערצער מוסר און צניעות".

**רבי חיים פלאג'י זי"ע,** שרייבט וועגן דעם ספר "קב הישר": יעדער זאָל לערנען אינעם ספר "קב הישר", ווי אויך אָנזאגן זיינע קינדער זיי זאָלן אַזוי טאָן. ער אַליין פלעגט יעדן מוצאי-שבת לערנען אינעם "קב הישר".

# אַ קורצע באַשרייבונג, צו דער נייער אויסגאַבע פון הייליגן ספר "קב הישר" אין אידיש

**אונזערע** ידיעות וועגן מחבר ספר **"קב הישר"** און זיין ביאגראפיע זענען זייער ארעם, כאטש דער פארשפרייטקייט פון זיין ספר. וואס מיר האבן יא, זענען קריטקעלעך צונויפגעקליבן פון דא און דארטן, ספעציעל פון זיין הקדמה און פון זיין פאטערס ספרים.

**דער** מחבר פון **"קב הישר" ר' צבי הירש קאידענאווער** זצללה"ה, איז געווען אַ גרויסער צדיק, איינער פון די גרעסטע רבנים צווישן די גדולי ישראל פון דער שטאט פראנקפורט. זיין גרויסקייט איז נישט אָפצושאַצן. אַלע האָבן אויף אים אויסגערופן **"מקודש מקודש"**, און טאַקע עדות געזאָגט אויף זיין גרויסקייט (זע ווייטער די הסכמות פון די רבנים).

**דער** מחבר איז געבוירן געוואָרן מיט העכער דריי הונדערט יאָר צוריק, ביי זיין פאָטער, הגאון הצדיק המפורסם רבי **אהרן שמואל קאידענאווער שלמה** זצ"ל, מחבר פון די ספרים: ברכת הזבח אויף "קדשים"; תפארת שמואל אויפן "רא"ש"; ברכת שמואל אויף תורה און שאלות און תשובות מיטן נאמען אמונת שמואל.

**דער** נאמען קוידענאווער, נעמט זיך פון דער שטאט קוידענאוו, נישט ווייט פון מינסק, וואו ר' שמואל איז דארט געבוירן געווארן. ר' שמואל איז געווען א תלמיד פון ר' יעקב און זיין זון ר' העשיל פון לובלין.

**ביי** רבי שמואל'ס ברית האט מען אים א נאמען געגעבן נאך אהרן, אבער שפעטער ווען ער איז קראנק געווען האט מען אים צוגעגעבן דעם נאמען שמואל.

**רבי** שמואל׳ס מאמע האט אפילו נישט געקענט דאווענען, אבער ביי לעכט-צינדן, ערב שבת, פלעגט זי ווארעם בעטן אפילו אין רוסיש: רבונו-של-עולם, העלף מיר, מיין זון שמואל, זאל זיין א תלמיד-חכם.

**זייענדיג** נאך גאר יונג איז ר׳ שמואל אנגענומען געווארן אין בית-דין פון ר׳ משה לימא, מחבר פון ״חלקת מחוקק״ אין ווילנע. אין די יארן פון גזירות ת״ח ת״ט איז ר׳ שמואל אנטלאפן פון דארט צוזאמען מיט אנדערע גדולי ישראל קיין הולאנד, דייטשלאנד, עסטרייך און אנדערע מדינות, צוזאמען מיט זיין איינציקן זון דער מחבר פון ״קב הישר״. זיי האבן מיטגעמאכט אומבאשרייבלעכע יסורים. א האר האט געפעלט צו זייער אומברענגג. צוויי קליינע טעכטערלעך האט ר׳ שמואל פארלוירן דורך דער צייט.

**רבי** שמואל האט נישט מאריך ימים, אין עלטער פון צוויי און זעכציג יאר איז ער נפטר געווארן אין דער שטאט חמלניק, ווען ער איז געוועזן דארט אויף א אסיפה פון גדולי הדור, י״ט תמוז, ה׳תל״ט.

**נישט** גענוג וואס דער מחבר פון ״קב הישר״ האט געליטן קליינערהייט ווי פריער דערמאנט, האט ער אויך אין די שפעטערע יארן געליטן יסורים פון מלשינות און מסירות און פארשפארט געווארן אין תפיסה, ער און זיין פרוי און זון, ווי ער פארצייכנט עס אין דער הקדמה צום פאטערס ספר ״ברכת שמואל״.

**דער** ״קב הישר״ האט אנגענומען אז אלץ וואס איז געקומען אויף אים, איז געוועזן ווי א עונש ווייל ער האט נישט אפגעדרוקט זיין פאטערס ספרים, און באלד ווי ער איז אריבער קיין פראנקפורט דמיין, דייטשלאנד, האט ער גענומען טאן וועגן דעם.

**אויך** אין דער ערשטער אויסגאבע פון ״קב הישר״ דייט ער אן וועגן די צרות וואס ער האט איבערגעלעבט.

**דער** "קב הישר" האט יא מאריך ימים געווען. ער איז נפטר און באהאלטן געווארן אין פראנקפורט דמיין, שושן-פורים, ה'תע"ב. פאר צוויי הונדערט ניין און אכציג יאר צוריק.

**אויף** זיין מצבה איז אויפגעשריבן געווארן:

התורני הרבני מו"ה **הירש קאידענאווער**
פה קבור וטמון איש חסיד ונאמן
הי"ה מ"ו **צבי**
בן הרב הגדול
מ"ר **שמואל** זצ"ל
נפטר יום ד'
ט"ו אדר שני, תע"ב לפ"ק
תנצב"ה

❖

**דער** ספר "קב הישר" אין אידיש, וואס מיר גיבן פאר אייך איצט אין א וואונדערלעכע אויסגאבע, ווערט פאררעכענט ווי איינער פון די פארשפרייטסטע ספרים אין דער וועלט, זינט דריי הונדערט יאר. פון ווען עס איז ערשינען צום ערשטן מאל, ביז צען יאר נאך דער ערשטער דרוק, איז עס איבער געדרוקט געווארן צענדליגע מאל, וואס באווייזט ווי ווייט חשוב און אנגענומען ער איז געווען צווישן אידן.

**ביז** היינט איז ער שוין געדרוקט געווארן בערך הונדערט און צוואנציג מאל אין פארשידענע לענדער, אין אייראפע און אזיע איין אויסגאבע איז אפילו געדרוקט געווארן אין לאדינו שפאניאליש. דער מחבר אליין האט געמאכט א אידישע איבערזעצונג צו זיין ספר.

**דער** ספר איז נתקבל געווארן נישט בלויז ביי תלמידי חכמים נאָר אפילו ביי דעם המון עם און פרויען, צוליב זיין פליסיקער און לייכטער שפראך, צוזאמען מיט די משלים און מעשיות, וואס זענען מעורר צו תורה און יראת שמים. יעדער איינער האט געפונען אין איז זיין אינטערעס, דער תלמיד חכם, איינפאכער ערלעכער איד, פרויען און קינדער.

**זיינע** מקורות פאַרן דאָזיגן ספר האָט דער מחבר גענומען, אין צוגאָב צו מדרשים פון חז"ל און זוהר, אויך פון ספרי קדמונים, ספרי אריז"ל און זיינע תלמידים. בעיקר האָט דער מחבר געשעפט פולע הויפנס פון די הייליגע ספרים ראשית חכמה און של"ה הקדוש.

**דער** "יסוד יוסף" - רבי פון "קב הישר", וואס א גרויסער טייל פון "קב הישר" איז באזירט אויף אים, און אַסאַך קאפיטלען זענען ממש דער לשון פון זיין רבין, אפילו ווען ער האט עפעס צו געגעבן אדער עפעס ארויסגענומען, דער גרויסער גאון, חסיד און מקובל ר יוסף יוסקא זצוק"ל, רב און ראש ישיבה אין מינסק און דובנא. א חוץ דעם יסוד יוסף איז דא פון אים א תשובה ספר מיטן נאמען "נעימה קדושה" און נאך ספרים.

**פון** דער הקדמה פון ספר "ברכת-שמואל אויף תורה, וואס דער זון, מחבר פון "קב הישר" האט ארויסגעגעבן, זעט מען די גרויסקייט פון זון אין קבלה. ער דערציילט דארט אין איינצלהייטן די גרויסע לייד וואס זיי האבן איבערגעלעבט אין די ביטערע יארן.

**דער** מחבר רופט זיין ספר "קב הישר", צוליב צוויי טעמים: איינער, ווענגן די ק"ב - הונדערט און צוויי קאפיטלען וואס דער ספר אנטהאלט; צווייטנס, ווענגן זיין נאמען **צבי**, וואס באטרעפט אויך הונדערט און צוויי. צ- ניינציק; ב- צוויי און י- צען, צוזאמען הונדערט און צוויי.

**אַסאַך** ענינים וואס זענען נוגע להלכה און מנהג ישראל שטאמען נאר פון "קב הישר": א) ווי זיך נישט לאזן וואשן די הענט אין דער פרי פון א רשע; ב) אריין לייגן אן אייזן אין וואסער בשעת דער "תקופה" צוליב סכנה; ג) נישט לאזן שטיין ליידיגע כלינו בעתן בענטשן, און נאך צענדליקער ענינים אזעלכע.

**כדאי** צו אונטערשטרייכן, אז געוויסע תפילות וואס זענען פארשפרייט געווארן צווישן אלע שיכטן אידן איבער דער וועלט, איז זייער מקור דער "קב הישר". צום ביישפיל, די תפילה פון מוצאי-שבת, נאכן זאגן די עלף פסוקים וואס הויבן זיך אן מיוז א נון און ענדיקן זיך מיט א נון, ווי א סגולה און א שמירה; און די צווייטע די תפילה נאכן ליינען, אדער זאגן דעם נשיא אין חודש ניסן, און נאך אנדערע.

**ווי** ווייט די תפילות פון "קב הישר" זענען אנגענומען געווארן, קענען מיר זען פון דעם, וואס מיט יארן שפעטער האט דער גאון און קדוש ר' שמואל אלבאז, אין יאר תקס"ח, צונויפגענומען אלע תפלות פון "קב הישר" און זיי אפגעדרוקט אין א באזונדער ספר מיטן נאמען "רובע הקב". ער שרייבט וועגן די תפילות: ווער עס וועט אפט זאגן די תפילות און תחינות, וועט זיין ריין פון זינד און וועט נישט אפטרעטן פון תורה-וועג.

**די** גדולי ישראל אין זייערע הסכמות אויפן ספר "יסוד יוסף", אונטערשטרייכן זיי אז ער איז געווען דער רבי פון "קב הישר". מיר זעען פון דעם ווי ווייט באוואוסט דער "קב הישר" איז שוין געווען דעמאלט.

**דער** "קב הישר" האט מחבר געווען נאך צוויי ספרים: איינעו דעם "עופר האלים" אויף תורה, דער צווייטער וועגן "עיבור השנה".ביידע זענען נישט געדרוקט געווארן.

# א איבערבליק וועגען אינהאלט פון ספר "קב הישר" און זיינע מעלות

**מיט** גרויס פרייד גיבן מיר פאר אייך דאָס הייליגע ספר "**קב הישר**", איבערגעטייטשט אין אַ לייכטן און פליסיגן אידיש.

**דער** מחבר פון "**קב הישר**" **ר' צבי הירש קאידענאווער** זצללה"ה, איז געווען אַ הייליגער צדיק, איינער פון די גרעסטע רבנים צווישן די גדולי ישראל אין פראנקפורט. זיין גרויסקייט איז נישט אָפּצושאַצן. אַלע האָבן אויף אים אויסגערופן "**מקודש מקודש**", און עדות געזאָגט אויף זיין גרויסקייט (זע די הסכמות פון די רבנים).

**דער** ספר "**קב הישר**", וואָס איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין יאָר תס"ה, איז הונדערטער יאָרן געווען אָנגענומען בכל תפוצות ישראל.

**דער** ספר "קב הישר" אין אידיש, ווערט פאררעכענט ווי איינער פון די פארשפרייטסטע ספרים אין דער וועלט, זינט דריי הונדערט יאר. פון ווען ער איז דערשינען צום ערשטן מאל. ביז א צען יאר נאך דער ערשטער דרוק, איז ער איבער געדרוקט געווארן עטלעכע מאל, וואס באווייזט ווי ווייט חשוב און אנגענומען ער איז געווען צווישן אידן.

**ווי** עס איז באוואוסט, **פלעגן זיך ערליכע אידן פירן צו האַלטן אין זייער טלית-בייטל דעם ספר "קב הישר"**, אַז זיי זאָלן קענען שטענדיג אריין קוקן דערין.

**דער** ספר "קב הישר" איז צוליב זיין גרויס חשיבות איבערגעדרוקט געווארן איבער הונדערט מאל אין פארשידענע לענדער, אין אייראפע און אזיע. איין אויסגאבע איז אפילו געדרוקט געווארן אין לאדינו שפאניאליש, פאר אונזערע ספרדישע ברידער.

**דאָס** זעלבע האָבן געטוען אויך די אַנדערע צדיקים אין די שפעטערדיגע דורות, און אָנגעזאָגט זייערע נאָכפאָלגער צו האַלטן אַ מוסר-ספר אין טלית-בייטל, ווי הג"ר צבי יחזקאל מיכלזאָהן זצ"ל שרייבט אין זיין הסכמה צום ספר "אורחות צדיקים" בזה הלשון: "איך געדענק נאָך אַז אָנהויב ווינטער תרמ"א, ווען איך בין געקומען דאָס ערשטע מאָל צו הגה"ק בעל שפת אמת זצ"ל פון גור, איז געווען אַ מנהג אַז יעדער יונגערמאַן איז אַריינגעגאַנגען נעמען אַ הדרכה, און דער שפת אמת פלעגט הייסן לערנען יעדן טאָג אַ פרק פון מוסר ספר. טייל יונגעלייט פלעגט ער הייסן לערנען חובת הלבבות און אַנדערע יונגעלייט פלעגט ער הייסן לערנען אורחות צדיקים, און מיר פלעגן האַלטן די ספרים אין אונזערע טלית-בייטלעך, כדי צו לערנען פון זיי פאַר'ן דאַווענען".

**עס** וואָלט כדאי געווען איינצופירן אַז די מורים ומדריכים שליט"א זאָלן זען אַז יעדער יונגערמאַן זאָל טראָגן אין זיין טלית-בייטל דעם ספר "קב הישר", צו לערנען אין אים כאָטש 5-10 מינוט פאַר'ן דאַווענען אָדער נאָכ'ן דאַווענען.

**עס** זענען געווען פלעצער וואו **רבנים פלעגן פאָרלערנען פון דעם ספר "קב הישר" אין בית המדרש יעדן טאָג צווישן מנחה און מעריב**, און אַזוי זענען נאָך היינט אויך דאָ רבנים, וועלכע לערנען פאָר שבת נאָכמיטאָג דעם ספר.

**דער** רבינו יונה אין ספר היראה (אות ר"מ) ברענגט: זער מענטש זאל צוגעוואוינען זיין מויל מיט יראת-שמים

ווערטער, צום ביישפיל: הוי עז כנמר...סוף דבר הכל נשמע...את אלוקים ירא...מה ה' אלוקיך שואל מעמך...מאד מאד הוי שפל רוח... דעמאלט וועט ער נישט געשטרויכעלט ווערן.

**רבי** יהודה דער זוהן פון רא"ש זאגט, מען זאל לערנען ספרי מוסר כדי מקיים צו זיין, די אויערען זאל הערען וואס דאס מויל זאגט.

**דער** אר"י הקדוש האט געווארנט, מען זאל לערנען יעדען טאג ספרי מוסר, נישט דורך לאזען אפילו איין טאג.

**עס** איז כדאי דאָ אראָפצוברענגען וואָס הגה"ק ר' הלל קאָלאָמייער שרייבט טאַקע אין זיין ספר "עת לעשות" (שאלה י"ג) וועגן די לעבנס-וויכטיגקייט פאַר אַ אידישע פרוי צו קענען דאַווענען און לייענען אידיש טייטש, ווייל דורך דינם ווערט ביי איר יעדן טאָג פאַרמערט מוסר, יראה, צניעות, מדות טובות, און ער שרייבט, אַז דורך דעם לייענט זי יעדן טאָג מנורת המאור, שמחת הנפש, **קב הישר** און שבט מוסר, וואָס דורך דינם פאַרשטייט זי די ווערט פון תורה, דעם שכר פון גן עדן, דינם עונש פון גיהנום, דעם חומר העבירות, עיי"ש באריכות. עכ"פ זעען מיר ווי דער הייליגער ר' הלל קאלאמייער רעכענט אויס צווישן די וויכטיגסטע מוסר ספרים אויך דעם ספר "**קב הישר**".

**רבי** הלל קאלאמייער שרייבט אין זיין ספר משכיל אל דל (ח"ב, דף י"א), אז אפילו מענטשען וואס זענען נישט קיין תלמידי חכמים זאלן קובע עיתים זיין א שעה אדער מער בייטאג אדער ביינאכט אין ספרי מוסר וואס זענען געדרוקט אויף אידיש, ווי מנורת המאור, קב הישר און זייער שכר פון השם יתברך וועט זיין גלייך ווי זיי וואלטן געלערנט די הוויות פון אביי ורבא.

**נאך** שרייבט רבי הלל קאלאמייער זצ"ל אין ספר עת לעשות (כמוד רמ"ו) , ווער עס לערנט ספרי מוסר וועט אים השם

יתברך העלפן צו זיין א ערליכער איד און האבן גיטע קינדע״.

**צוליב** זיין חשיבות און אָנגענומענקייט אין אַלע תפוצות ישראל, איז דער ספר **קב הישר** איבערגעדרוקט געוואָרן אין פיל מהדורות. ווי דער לייענער קען זען איז דער ספר אָפט איבערגעדרוקט געוואָרן, און אַלע אויסגאַבעס ווענען אויסגעכאַפּט געוואָרן פון מאַסן אידן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען די חשיבות פון דעם ספר.

**דער** מחבר באַגלייט מיט זיין הייליגע שפּראַך דעם איד אין אַלע זיינע וועגן. זיינע וואַרימע ווערטער דערוואַרעמען די הערצער. עס איז תוכו רצוף אהבה פאר׳ן באַשעפער און פאַר יעדן איד. ער ווייזט אן די הייליגע חשיבות פון מקיים זיין יעדע מצוה באַזונדער, און אַלץ מיט אַ פאַרשטענדליכע שפּראַך, אַז אַפילו אַ קינד זאָל קענען פאַרשטיין.

**ווי** מען זעט אין דעם ספר, פאַרבינדט דער מחבר אַלע ענינים מיט דערציילונגען פון זוהר הקדוש, אָדער כתבי אריז״ל און אַנדערע ספרים. ער וואָרנט אפילו וועגן גרינגע מצוות וואָס מענטשן טרעטן אויף זיי, און באַלייכט דעם וועג פאַר יעדן איד אין יעדן אָרט וואו ער געפינט זיך.

**נאָך** בחייו פון דעם מחבר (אין יאָר תס״ב) איז געדרוקט געוואָרן דער קב הישר אין לשון הקודש, אין פראנקפורט, אין א אידישע איבערזעצונג. און כאָטש די אידישע איבערזעצונג איז בשעתו געווען אַ גרויסע תועלת פאר׳ן לייענער, צו קענען פאַרשטיין דאָס ספר אויף די שפה המדוברת, אָבער ליידער איז די דעמאָלסטיגע אידישע איבערזעצונג געווען גרייזיג אין פאַרשידענע ערטער, און אויך איז עס נישט צוגעפּאַסט צו דעם היינטצייטיגן אויסלייג פון די אידישע שפּראַך אין די קרייזן פון חרדי׳שע אידן, וואו די אידישע שפּראַך איז אָנגענומען און ווערט גענוצט טאָג טעגליך דורך אַלט און יונג.

**מיר** ווייסן פון פיל ספרים וואָס די גאוני וצדיקי הדורות זי"ע האָבן מחבר געווען אויך אין די אידישע שפּראַך, ווי דער תוספות יום טוב, דער רבי ר' יונתן און דער ישמח משה, און טאַקע ר' הלל קאָלאָמייער, וואָס האָבן פאַרפאַסט ספרים אין דער אידישער שפּראַך. אויך ווערט געברענגט אין ספר זכרון ש"י, די צוואה פון הגאון ר' שעפטיל זצ"ל, אַ זון פון של"ה הקדוש (אות י"ז) אַז די פרויען זאָלן זיין געוואוינט צו לייענען אין די חומשים אויף אידיש לשון, ווי אויך ספר לב טוב אין אי"יש, עיי"ש.

## די וויכטיגקייט פון לערנען ספרי מוסר יעדן טאָג

**א. דער** רבי ר' יונתן זי"ע שרייבט אין ספר יערות דבש (חלק א', דרוש י"ב, דף ס"ח) אַז אפילו פרויען און מיידלעך זענען מחויב צו לערנען יעדן טאָג מוסר-ספרים וואָס זענען געדרוקט אין דער אידישער שפּראַך, ווי למשל דאָס ספר שמחת הנפש און לב טוב וכו', און ער פירט אויס, "אויב איר וועט אזוי טוהן זאָג איך אייך צו אַז אייערע הערצער וועלן זיך עפענען צום אמת'ן יראת שמים, און איר וועט נישט לייכט צוקומען צו קיין חטא", עיי"ש.

**ב. דער** בעל שמחת הנפש (עמוד קל"ד) שרייבט מ'זאל שטענדיג ליינען ספרי מוסר בפרט איצט אז עס זענען געדרוקט געווארן ספרי מוסר אין אידיש.

**ג. דער** הייליגער גר"א אין זיין בריוו (אין אגרת הגר"א), שרייבט צו זיין מוטער:

**"איך** האב עטליכע ספרי מוסר מיט א אידישע איבערזעצונג, זאל מען זיי ליינען שטענדיג, און אוודאי אין שבת קודש זאל מען נישט עוסק זיין **נאר אין ספרי מוסר** און זאלסט זיי שטענדיג מדריך זיין אין גייסט פון די ספרי מוסר".

**עס** איז צו זעהן פון דעם אז שבת איז געמאכט מען זאל לערנען **נאר ספרי מוסר** און נישט קיין אנדערע זאכן, אפילו ערליכע זאכן, כדי דער מענטש זאל וויסן וואס איז זיין פליכט אויף די וועלט.

**ד. אין** ספר סדר דרך ישרה שרייבט: "ווען איינער לערנט יעדן טאג ספרי מוסר לויט זיין פארשטאנד, האט ער א שכר

פון השם יתברך אזוי ווי א למדן וואס לערנט לשון הקו״ש ספרים.

**ה. אויך** איז ידוע אַז דער הייליגער חתם סופר זי״ע פלעגט יעדן טאָג פאָרלערנען פאַר די תלמידים דעם ספר חובת הלבבות, און ער האָט געזאָגט, אַז אין אַ טאָג ווען ער לערנט נישט קיין מוסר ספר פילט ער עס.

## מוסר איז אמאל וויכטיגער ווי תורה!!!

**עס** איז כדאי צו ברענגען דאָ וואָס עס ווערט דערציילט אַז איינער האָט געפרעגט דעם גדול המוסר הג״ר ישראל סאלאנטער זצ״ל, אַז היות ער האָט בלויז אַ האַלבע שעה יעדן טאָג פריי צום לערנען, וואָס זאָל ער לערנען אין די האַלבע שעה. האָט ער אים געענטפערט: זאָלסט לערנען אין אַ מוסר-ספר, וועסטו דאַן זען אַז דו האָסט צייט צום לערנען מער ווי אַ האַלבע שעה יעדן טאָג.

**דער** געוואַלדיגער תועלת פון לערנען מוסר-ספרים פאַר תיקון המידות איז איבעריג צו באַטאָנען. עס ווערט געברענגט פון צדיקים אַז היינטיגע צייטן איז די וויכטיגסטע זאַך צו רעדן וועגן מדות. גדולי ישראל האָבן אויך געזאָגט, אַז מ׳קען דורכלערנען גאַנץ ש״ס און עס מסיים זיין, אָבער מסכת מדות האָט מען נאָך אַלץ נישט אָנגעהויבן.

**אפילו** גרויסע צדיקים האָבן געדאַרפט אַרבעטן אַ לאַנגע צייט אַריינצובריינגען אין זיך גוטע מידות. הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע, וועלכער איז געווען דער עמוד האמת בדורו, האָט עדות געזאָגט אויף זיך אַליין אַז 13 יאָר האָט ער געדאַרפט אַרבעטן אויף זיך אויסצורייסן פון זיך די מדה פון שקר, און נאָך 13 יאָר האָט ער געדאַרפט אַרבעטן קונה צו זיין די מדת האמת.

**אין** די הקדמה פון ספר ויגד יעקב אויף מועדים ברענגט ער בשם אביו, אַז דער בעלזער רב הגה"ק מהרי"ד זי"ע האָט געזאָגט: "ראשית חכמה ברויך מען צו לערנען, חובת הלבבות ברויך מען צו קוקן, ארחות צדיקים ברויך מען צו קענען אויסענווייניג", ע"כ. עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך אַז ער האָט געמיינט אויך אַנדערע ספרי מוסר, אַזוי ווי דער כפה"ק קב הישר. דעם ספר קב הישר האָט דאָך יעדער ערליכער איד געהאַט אין שטוב, אָן דעם הייליגן ספר האָט מען זיך נישט גערירט.

**ס'איז** באַקאַנט וואָס הגאון רבי עקיבא איגר זצ"ל שרייבט אין די הקדמה פון זיין ספר, אַז ער בעט זיין זוהן אַכטונג צו געבן ביים דרוקן זיינע ספרים, אַז עס זאָל זיין געדרוקט אויף **שיינעם פאַפיר און שיינע אותיות מיט שוואַרצן טינט**, ווייל דורך דעם וואָס אַ ספר איז געדרוקט אין אַ שיינעם פאָרמאַט, און מיט שיינע אותיות וואָס דערלייכטן די אויגן, ווערט אויסגעברייטערט דער דעת און די כוונה ווערט נתעורר" עיי"ש.

**דעריבער** האבן מיר נישט געקאַרגט קיין געלט און מי ארויסצוגעבן דעם "קב הישר" אין א וואונדערבארע אויסגאבע, ער זאל זיין באליבט ביים ליינער.

❖ ❖ ❖